**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארעפנטליכונג פון טעכנישע קאפיטלען פון ניו יארק סטעיט קלימאט ווירקונגען אפשאצונג**

***גייט פאראויס מיט 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע איניציאטיוו צו פארמערן באפעסטיגונג און זיך רישן פאר די ווירקונגען פון קלימאט טויש***

***שטיצט די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדער 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ'***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארעפנטליכונג פון די טעכנישע קאפיטלען פון די 'פארשטיין און זיך גרייטן פאר אונזער טוישנדע קלימאט' (Understanding and Preparing for Our Changing Climate) שטודיע, פארזעצנדיג צו איבערגעבן די ציפערן און אינפארמאציע פאר ניו יארקער צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט און צופאסונג אזוי ווי מיר שטייען אויס קלימאט טויש. די וויסנשאפטליכע שטודיע – וואס איז דורכגעפירט געווארן אין לויף פון עטליכע יאר און וואס גייט פאראויס מיט די 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע'ס איניציאטיוו צו פארמערן שטאנדהאפטיגקייט אריבער די סטעיט און די גרייטקייט פאר די ווירקונגען פון קלימאט טויש – האט אכט טעכנישע קאפיטלען וואס דעקן וויאזוי פארשידענע עקאנאמישע סעקטארן קענען אדרעסירן שטייגנדע טעמפעראטורן און די פארמערטע אפעקטן פון עקסטרעמע וועטערס. די היינטיגע אנאנס שטיצט די איינפירונג פון די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדן 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act).

"ניו יארקער זענען צו גוט באקאנט מיט די חורבנות-אנזייענדע השפעות פון שטורעמעס, עקסטרעמע היצן און פארפלייצונגען צוליב אונזער טוישנדע קלימאט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר טוהען באוואפענען ניו יארקער, ביזנעסער, לאקאלע רעגירונגען און אינדוסטריעס מיט די אינפארמאציע און כלים וואס פעהלן אויס צו פארמערן די צופאסונג פון די קאמיוניטי און שטאנדהאפטיגקייט בשעת'ן פארזעצן צו אראפנידערן עמיסיעס."

די שטודיע, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), איז געווען א צוזאמענארבעט צווישן אקאדעמישע מוסדות, וויסנשאפט ארגאניזאציעס, לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי פירער, אינדוסטריע פארשטייער און ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן. די טעכנישע קאפיטלען גיבן טיפע און דעטאלירטע אבזערוואציעס און פארגעשאצטע ווירקונגען פון קלימאט טויש אויף אכט סעקטארן: אגריקולטור, געביידעס, עקאלאגישע סיסטעמען, ענערגיע, מענטשליכע געזונטהייט און זיכערהייט, געזעלשאפט און עקאנאמיע, טראנספארטאציע און וואסער קוועלער. די קאפיטלען זענען אנטוויקלט געווארן דורך אכט באזונדערע [טעכנישע ארבעטס גרופעס](#) אנגעפירט דורך עקספערטן פון די סעקטארן און פארשטייער פון פארשידנארטיגע קאמיוניטיס און גרופעס פון אריבער די סטעיט און לאנד, אריינרעכנענדיג קאליפארניע, מערילענד, מעסעטשוסעטס, ניו דזשערסי, אינדיאנא און טעקסאס, און אזוי אויך קאנאדע און מיטגלידער פון רויטע אינדיאנער שבטים קאמיוניטיס. די קאפיטלען וועלן

אריינגעגעבן ווערן פאר פארעפנטליכונג אין די *Annals of the New York Academy of Sciences* אקאדעמישע זשורנאל.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "NYSERDA איז שטאלץ צו האבן געארבעט מיט א ברייטע נעטווארק פון לאקאלע, ראיאנישע און נאציאנאלע עקספערטן צו פראדוצירן די וויסנשאפט-באזירטע שטודיע וואס קען גענוצט ווערן אלס א מיטל פאר פלאנירונג צו אריינבויען שטאנדהאפטיגקייט און צופאסונג סטראטעגיעס. אזוי ווי אונזער סטעיט זעצט פאר צו פאראויס שטופן עמיסיע-פרייהייט פאליסיס און צו שטיצן נייע סארטן טעכנאלאגיעס וואס וועלן העלפן באקעמפן קלימאט טויש, דארפן מיר אויך ארבעטן צוזאמען צו פארגרינגערן די געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע השפעה פון עקסטרעמע וועטער געשעענישן אויף אונזערע קאמיוניטיס."

די חלק פון די שטודיע וואס איז קאנצענטרירט אויף קלימאט טויש פארשאצונגען פאר ניו יארק סטעיט, וואס איז פארעפנטליכט געווארן אנהויב יאנואר, האט אריינגערעכנט איבערגעארבעטע ציפערן איבער וויאזוי די קלימאט האט זיך געטוישט און איבער וויאזוי עס וועט פארזעצן זיך צו טוישן. די פארשאצונגען, אנטוויקלט דורך קאלאמביע אוניווערסיטעט, גייען איבער טעמפעראטור, רעגן, עקסטרעמע געשעענישן און ים הייעך, באזירט אויף סאפיסטיקירטע קאמפיוטער מאדעלן וואס וויסנשאפטלער האבן אנטוויקלט צו סימולירן וויאזוי די ערד'ס אטמאספערע, די אקעאנען און אנדערע פיזישע אייגנשאפטן רעאגירן צו די מאס פון 'גרינהויז' גאזן וואס פארכאפן היץ וואס בויען זיך אויף אין די אטמאספערע. די ארבעט שטיצט גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן, ווי אנאנסירט אין די היי-יאריגע 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, צו באשיצן ניו יארקער פון עקסטרעמע וועטער און צו רעאגירן צו די אנגרייף פון דורכווייקנדע רעגן, זאווערוכעס, בריעדיגע היצן און ביטערע קעלטן אלס רעזולטאט פון קלימאט טויש.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די ווירקונגען פון א טוישנדע קלימאט זענען שוין פארשפרייט אין ניו יארק און ווייטער מיט א העכערע אפטקייט פון עקסטרעמע וועטערס וואס האבן געפירט צו שעדיגנדע פארפלייצונגען, געפארפולע היצן און וואס האבן שווער באטראפן קריטישע אינפראסטרוקטור. ניו יארק'ס קלימאט ווירקונגען אפשאצונג גיבט נאך אינפארמאציע צו העלפן ניו יארקער זיך צופאסן און רעאגירן צו קלימאט טויש דורכן פארמערן שטאנדהאפטיגקייט און פאראויס שטופן באמיאונגען צו רעדוצירן אונזערע קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס און מאכן נויטיגע אינוועסטירונגען און פארבעסערונגען צו אדרעסירן דעם קלימאט קריזיס."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "די נויט צו באשיצן אונזער פלאנעט איז גאר דרינגנד, און גאווערנער האקול פירט ניו יארק סטעיט צו א מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט. SUNY איז שטאלץ צו זיין ביים צענטער פון די באמיאונגען, פונעם רעדוצירן אונזער אייגענע קארבאן באנוץ ביזן צוגרייטן די צוקונפטיגע גרינע ארבעטסקראפט און דורכפירן דורכברעכנדע פארשונג אויף קלימאט טויש און באנייבארע ענערגיע. מיינע דאנקען פאר די גאווערנער פארן רופן פאר די שטודיע, פאר איר איבערגעגעבנקייט צו ארויפבויען אויף אירע ריינע-ענערגיע ציהלן און פאר איר אנגייענדע אינוועסטירונג אין פארשונג און אויפקלערונג צו פארמינערן די קאנסעקווענצן פון קלימאט טויש און צו שטיצן שטאנדהאפטיגקייט."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "ניו יארקער האבן געפילט די דירעקטע השפעה פון קלימאט טויש לעצטער זומער ווען רויעך פון די קאנאדישע וואלד פייערן האט איינגעהילט די סטעיט, שעדיגנדיג די לופט קוואליטעט און פארגרעסערנדיג די סכנה פון מעדיצינישע עמערדזשענסיס. מיט די אנגייענדע שטיצע פון גאווערנער האקול, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן שטודירן די ווירקונג פון קלימאט טויש און די פובליק געזונטהייט סכנות וואס זענען פארבינדן מיט די געשעענישן. די צוזאמענארבעטנדע, באוויזן-באזירטע שטודיע וועט ווייטער

אהערשטעלן די נויטיגע אינפארמאציע פאר שכל'דיגע פאליסיס און רעקאמענדאציעס וואס שטעלן די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער קודם."

**סטעיט סענאטאר פיטער הארקהעם האט געזאגט,** "די קלימאט ווירקונגען אפשאצונג איז א וויכטיגע טריט ביים העלפן זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די אינפארמאציע צו פארשטיין די ערנסטקייט פון קלימאט טויש און די נויט צו פארשטערקערן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט. דאס פארמערן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט נעמט אריין דאס אפשאצן וויאזוי קלימאט טויש וועט שאפן נייע- אדער טוישן יעצטיגע- קלימאט-פארבינדענע סכנות און דאס אונטערנעמען שריט זיך צו בעסער באגיין מיט די סכנות. יעדער איינער זאל זיך האלטן אינפארמירט איבער וויאזוי קלימאט טויש וועט אפעקטירן די טעגליכע לעבן און וויאזוי זיך צו גרייטן. איך באדאנק די גאווערנער און איר מאנשאפט פאר זייער וויכטיגע ארבעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו וואוינען אין א סטעיט וואס אנערקענט קלימאט טויש און וואו גאווערנער האקול, די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט זענען קאנצענטרירט אויף צו אויפקומען מיט פאראויס-טראכטנדע סטראטעגיעס צו באקעמפן קלימאט טויש. די אומשאצבאר אינפארמאציע וועט ווייזן די וועג צו לייזונגען צו מאכן ניו יארק פאר א מער ענווייראמענט-פריינטליכע און שטאנדהאפטיגע געזעלשאפט."

**ניו יארק סטעיט אסאָוסיעישען פון קאונטיס עקזעקיוטיוו דירעקטאר, סטיווען דזש. אקווואריאָ, האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די דרוקנדע אנגעלעגנהייט פון קלימאט טויש דורך די פארעפנטליכונג פון די ניו יארק סטעיט קלימאט ווירקונגען אפשאצונג. די ארומנעמיגע אנאליז, אוועקגעשטעלט אויף די לעצטע וויסנשאפטליכע פארשונג, וועט שפילן א קריטישע ראלע ביים אויסשטאטן אונזערע קאמיוניטיס מיט די וויסנשאפט וואס פעהלט אויס צו אדורכשוויצן די שוועריגקייטן וואס קלימאט טויש ברענגט אן. דורכן אהערשטעלן למעשה'דיגע געדאנקען און סטראטעגיעס פאר צופאסונג און שטאנדהאפטיגקייט, טוט די אפשאצונג נישט נאר באפולמעכטיגן איינוואוינער, ביזנעסער און באאמטע וואס מאכן באשלוסן אריבער די סטעיט, נאר עס טוט אויך אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון נעמען מאסנאמען פון פאראויס צו פארמינערן די ווירקונגען פון קלימאט טויש. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע מיטגלידער צו איינשפאנען די מיטל צו שאפן א מער שטאנדהאפטיגע און ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**ראנעלד פ לינטש דיען פון קארנעל אוניווערסיטעט'ס קאלעדזש פון אגריקולטור און ביאלאגישע וויסנשאפט (College of Agriculture and Life Sciences, CALS), בענדזשאמין האָלטאן, האט געזאגט,** "ניו יארקע איינוואוינער פילן די ווירקונגען פון קלימאט טויש בשעת מעשה — פאראורזאכנדיג ווייטערע השפעות אריבער די סטעיט'ס אגריקולטורישע עסנווארג סעקטאר און אין יעדע געביט פון אונזערע טעגליכע לעבנס. אבער מיר האבן די מעגליכקייט זיך צו צופאסן צו די טוישנדע באדערפענישן פון אונזער וועלט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו אנגרייטן אונזערע קאמיוניטיס פאר די ענדערונגען. אלס ניו יארק'ס מוסד וואס באקומט גרענטס פון שטח איז Cornell CALS שטאלץ צו האבן די געלעגנהייט צו פאראויס ברענגען אונזער געמיינזאמע מומחיות צו אנגרייטן ניו יארקער פאר די השפעות פון קלימאט טויש און זיי שטיצן מיט סכנה-פארקלענערונג סטראטעגיעס צו פארזעצן צו בליהען."

**פרינסיפעל ביי lab Architect+ און פראפעסאר ביי New York City College of Technology, איליא אזאראף, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט קלימאט ווירקונג אפשאצונג איז א וויכטיגע טריט פאראויס און אן אויסערגעווענטליכע מיטל נישט בלויז פאר די סטעיט נאר אויך פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, צו אויפבויען שטאנדהאפטיגע קאפאציטעט און פארשטיין אז אינוועסטירונג אין די צוקונפט ברענגט גלייכקייט און ערגענצט קאמיוניטיס וואס קענען בליהען אריבער די פארגעשאצטע שטערונגען וואס מיר וועלן אריבערגיין."

די ציפערן און אינפארמאציע וואס ווערן איבערגעגעבן אין די שטודיע שטרייכן אונטער די וויכטיגקייט פון אונטערנעמען שריט זיך צו צופאסן צו די ווירקונגען פון קלימאט טויש. לייזונגען ווי דאס אינסטאלירן באנייבארע ענערגיע, אריבערפירן געביידעס און טראנספארטאציע סיסטעמען צו עלעקטריציטעט און פארמערן ענערגיע שפארזאמקייט העלפן אלע רעדוצירן ענווייראמענט-שעדיגנדע גאזן און פארגרינגערן די פארבינדנע ווירקונגען אויף ניו יארק'ס קאמיוניטיס. א דריטע באשטאנדטייל פון די ניו יארק סטעיט קלימאט ווירקונגען אפשאצונג , גיבנדיג אן אנאליז איבער די פאטענציאלע עקאנאמישע ווירקונגען אין ניו יארק סטעיט, וועט פארעפטנליכט ווערן שפעטער דאס יאר.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן